בעזהשי"ת

# א חסידישע מלוה מלכה

## מיט הדה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א

## מעשיות צדיקים מקוריים בטוב טעם ודעת

גליון ל"ה / סיפורי צדיקים יארצייטן השבוע / פרשת פינחס / תמוז תשפ"ד

## הרה"ק רבי אברהם מתתיהו משטעפינעשט זצ"ל

### כ"א תמוז

כ"א תמוז איז די יארצייט פון **הרה"ק רבי אברהם מתתיהו זצ"ל** פון שטעפינעשט, וועם מ'האט גערופן 'דער צווייטער שטעפינעשטער'. דער רוזינער האט געהאט זעקס זין און דריי טעכטער, דער פערטער זון האט געהייסן **הרה"ק רבי מנחם נחום זצ"ל** פון שטעפינעשט, און רבי אברהם מתתיהו איז געווען זיין זון.

### ויקרא שמו בישראל

תשל"ז בין איך געווען ביים **ריבניצער זצ"ל** אין בארא פארק ביי די יארצייט סעודה, האט ער דערציילט, אז די ברית פונעם שטעפינעשטער איז געווען חנוכה. דער רוזינער האט געהייסן א נאמען געבן 'אברהם' [מן הסתם נאך רבי **אברהם המלאך**], און 'מתתיהו', האט דער רוזינער געזאגט: "דאס איז נאך דער אַלטער מתתיהו" [מתתיהו פון חנוכה]. ער איז געבוירן דעם ערשטן טאג חנוכה, און זאת חנוכה איז געווען די ברית.

### "דו ביסט א יו"ד"

נאך האט דער **ריבניצער** דערציילט, אז זיין זיידע, דער **רוזינער**, האט געלערנט מיט אים די א' ב', און ווען ער איז אנגעקומען צו י', האט ער געזאגט: "א יו"ד ביזטו".

נאך האט ער דערציילט: אז ווען דער צווייטער שטעפינעשטער האט חתונה געהאט, האט זיין טאטע, דער ערשטער שטעפינעשטער געזאגט פאר די שנור: "נאדיר א יוד'ל".

### וויל נישט קיין רבי'סטעווע

איך האב א קונטרס **מילין סתומין**, דאס האט געשריבן א איד וואס איז געווען א בן בית ביים ערשטן און אויך ביים צווייטן שטעפינעשטער, ער האט געהייסן ר' משה אליעזר, ער ברענגט פארשידענע שיינע זאכן, ממש מיט די לשונות:

אמאל איז דער ערשטער שטעפינעשטער געשטאנען ביים פענסטער, און געזען ווי אידן גייען אריין און ארויס ביים זון, דער צווייטער שטעפינעשטער, זייענדיג א יונגערמאן. האט דער שטעפינעשטער צוגערופן דעם ר' משה אליעזר, און אים געפרעגט: "וואס זאגט ער?" מיינענדיג אויפן זון, וואס ער זאגט פאר די אידן וואס גייען אריין צו אים.

האט רבי משה אליעזר געענטפערט אז ער וואונטשט זיי אן: "דער אויבערשטער זאל העלפן עס זאל מקויים ווערן אלע ברכות וואס דער טאטע וואונטשט אן".

פרעגט דער שטעפינעשטער "אבער ער אליין וואונטשט נישט?" "ניין", האט ר' משה אליעזר געענטפערט.

האט דער פאטער געזאגט: "אזוי, ער וויל ניט גיין אין חדר אריין? ער איז נעבעך גערעכט, אוי איז דאס א חדר". מיינענדיג די רבי'סטעווע.

### נעמט אן די רבי'סטעווע

רבי אברהם מתתיהו איז אלט געווען צוויי און צוואנציג יאר ווען דער טאטע, רבי מנחם נחום, איז נסתלק געווארן, און דאס ערשטע יאר האט ער נישט געוואלט איבערנעמען דאס רבי'סטעווע, ער האט געהאט געלט פון דער ירושה, אבער דאס געלט איז אויסגעגאנגען, ער האט געדארפט אויסגעהאלטן דאס הויף, און די חסידים האבן אים געמוטשעט ער זאל איבערנעמען, אבער ער האט נישט געוואלט.

האט ער געזאגט: "וועלן מיר פארן צום פעטער". ער האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג און געפארן צום **סאדיגורער זצ"ל**.

ער איז אהינגעפארן, און אלע חסידים זענען מיטגעפארן. ווען זיי זענען אנגעקומען קיין סאדיגורא האט ער אים זייער שיין אויפגענומען, און זיי האבן זיך פארשפארט אין א שטוב, דער סאדיגורער מיטן פלומעניק. די חסידים זענען געבליבן אינדרויסן און פרובירט אריינצוקוקן פונעם שליסל לאך [אמאליגע צייטן פלעגט מען קענען אריינקוקן פונעם שליסל לאך. עס זענען דא אסאך מעשיות וואס מענטשן האבן אריינגעקוקט ביי צדיקים פון זייער שליסל לאך].

האבן זיי געזען אז זיי זיצן איינער נעבן דעם אנדערן און רעדן נישט, זיי האבן זיך נאר אנגעקוקט איינער דעם אנדערן און געשוויגן, פאר בערך א האלבע שעה, נאכדעם זענען זיי ארויסגעקומען און מען האט זיך אפגעזעגנט.

ווען דער סאדיגורער האט באגעגנט די מקורבים, האט ער זיי געפרעגט: "נו, וויאזוי געפעלט אייך מתתיהו'ניו?" [אין רוזין גייען אלע נעמען מיט 'ניו', ישראל'ניו, בער'ניו], "חכמת שלמה ליגט אין אים". און ער האט טאקע איבערגענומען דאס רבי'סטעווע. אבער ער האט זיך געפירט מורא'דיג באהאלטן, ער האט נישט געזאגט קיין תורה וכו'.

### זיין עבודה ביי די הושענות

זיינע נענועים האבן גענומען עטליכע שעה, איבערגעבויגן מיט א שווערן טלית, מ'האט נאר געקענט זען זיינע הענט, און דער **ריבניצער** האט געזאגט אז מ'האט געקענט זען ווי עס טראפן שווייס פון זיינע הענט און דער אתרוג איז געבליבן טרוקן...

### די מטבע היילט

איך האב געהערט אמאל פונעם **סקולענער רבי'ן ז"ל**, דער **נועם אליעזר**, ער איז אויך געווען א חסיד פונעם צווייטן שטעפינעשטער, אז אמאל האט ער געהאט שטארקע בויך-ווייטיקן מיט געפערליכע יסורים. ער איז געגאנגען צו דאקטוירים און זיי האבן נישט געקענט העלפן. איז ער געגאנגען צום שטעפינעשטער און ער האט זיך מזכיר געווען אז ער ליידט שרעקליכע יסורים.

דער שטעפינעשטער האט זיך אויפגעשטעלט און אריין חדר תוך חדר, ארויסגעברענגט א מטבע און אים עס אהינגעגעבן, און די יסורים זענען אוועק.

### "ער איז א חידוש"

אויך האב איך געהערט פונעם **ריבניצער**, וואס ער איז דאך אויפגעוואקסן ביים שטעפינעשטער, אז פארן הסתלקות איז דער שטעפינעשטער געליגן אין בעט, און דער ריבניצער האט אים אונטערגעהאלטן דעם קאפ [איך ווייס נישט פארוואס]. דער שטעפינעשטער האט זיך אויפגעכאפט אינמיטן און געפרעגט: "ווער איז דאס?" האט ער אים געזאגט: "חיים זאנוויל" [די נאמען פון דעם ריבניצער]. האט דער שטעפינעשטער געזאגט: "א חידוש!"

נאך האט ער דערציילט אז בשעת'ן פטירה פון דער שטעפינעשטער, האט דער זייגער אויפגעהערט צו גיין.

### מקבל מרות געווען פון רבי'ן ז"ל

מען האט געזען ביי אים אפענע ישועות, ער איז געווען א געוואלדיגער פועל ישועות. פיל ראמענישע אידן זענען געפארן צו אים. אבער זיינע הויפט חסידים די גאר דערהויבענע זענען געווען דער **סקולענער** רבי זצ"ל, דער **ריבניצער רבי זצ"ל**, און **רבי משה גבאי ז"ל**.

דער שטעפינעשטער האט סוף ימיו געוואוינט אין יאס, און דער רבי ז"ל האט אויך געוואוינט אין יאס, און אזוי'ו דער שטעפינעשטער האט נישט געהאט קיין קינדער ל"ע, זענען אלע דריי נאך זיין פטירה געקומען און געווארן חסידים פונעם רבי'ן ז"ל.

*

מיין חבר ר' יחזקאל הערמאן, וואס איז פונדערהיים א ריבניצער, האט מיר געזאגט, אז דער **ריבניצער** האט אים געזאגט אויפן רבי'ן ז"ל און געוויזן אויף זיך: "פון זיין קאפ", פון אויבן, "ביז זיינע פערשט, איז ער [דער **רבי ז"ל**] כולו רוחניות".

*

אין דער הקדמה פון **באר מנחם**, פון **רבי מנחם קאלובער רב זצ"ל**, שטייט, אז ביי די חתונה פון דעם רבי'ן ז"ל'ס שוואגער, א זון פון **הרה"ק רבי פיניעלע אוסטילער זצ"ל** וואס איז פארגעקומען אין באטור, איז ביי איין שבע ברכות דער אוסטילער רב נישט געווען [כידוע צוליב זיין געוואלדיגע התמדה], און דער רבי ז"ל האט אנגעפירט די שבע ברכות. דער קאלובער איז נישט געווען אויף דער חתונה, איז ער געקומען צו דער שבע ברכות וואס דער רבי ז"ל האט געפירט, און הרה"ק ר' פיניעלע איז געקומען צום בענטשן.

נאך דער שבע ברכות האט דער קאלובער אויך געזאגט ממש מיט דעם זעלבן לשון אויפן רבי'ן ז"ל: "ער איז כולו רוחניות".

### דער ריבניצער אין אמעריקע

ווען דער ריבניצער איז ארויסגעקומען פון רוסלאנד איז ער קודם ארויפגעגאנגען קיין ארץ ישראל, שפעטער איז ער געקומען קיין אמעריקע. דאס ערשטע מאל וואס ער איז אנגעקומען קיין שיכון סקווירא איז געווען ב' ניסן, תשל"ד, אינמיטן טאג. ער איז אריין צום רבי'ן זאל זיין געזונט, נאכדעם איז ער געגאנגען אין מקוה אין רבינ'ס הויז.

ווען ער איז ארויסגעקומען פון רבינ'ס הויז, האט דער גבאי, הרה"ח ר' **יצחק וואלף הערמאן** געשריגן אז קיינער זאל נישט אנרירן דעם רבי'ן, און קיינער זאל נישט געבן קיין שלום.

ער איז צוגעפארן צום ציון פון רבי'ן ז"ל - איך געדענק נישט פון וואו איך האב געוואוסט אז ער גייט צום ציון, אבער איך בין דארט געווען - איך בין געגאנגען פאראויס, און איך האב אים געזען אין אוהל. ער איז געזעסן אויף א בענקל צוקאפנס פונעם רבי'ן ז"ל, און געזאגט תהלים.

ווען ער האט געענדיגט איז ער געגאנגען צום ציון פון רבי משה גבאי. ער האט אנגעצונדן א ליכט אינעם קעסטל, ארויפגעלייגט זיין בעקישע אויפן קעסטל, און אזוי איז ער געשטאנען און געזאגט [איך ווייס נישט וואס ער האט געזאגט].

איך האב געהערט אז שפעטער ביינאכט איז ער אויך געגאנגען צו דער דירה וואו רבי משה גבאי האט געוואוינט, ביי הרה"ח ר' **מיכל דירנפעלד** אין בעיסמענט, און אנגעצונדן א ליכט.

אויך געדענק איך יענע ב' ניסן ווען ער איז געקומען צום טיש פון רבי'ן זאל זיין געזונט, איז אויף איין זייט פון רבי'ן זאל זיין געזונט געזעסן דער **וויזשניצער רבי ז"ל חדב"ן**, און פון דער אנדערער זייט איז געזעסן דער **ריבניצער**. פאר אפאר טעג האט ער געוואוינט דא ביי רבי עזריאל טויבער.

### פארברענען חלה ערב פסח

אויך געדענק איך אז ערב פסח האט ער געבאקן מצות דא אין סקווירא, ער איז אנגעקומען דא אינמיטן רבינ'ס מצות באקן, און געבאקן מצות פאר זיך. ווען ער האט געענדיגט האט ער אראפגענומען חלה פון זיינע מצות, און עס אריינגעלייגט אין אויוון צו פארברענען. ער האט עס נישט סתם אריינגעווארפן, נאר אריינגעלייגט די גאנצע האנט אין אויוון, און אזוי פארברענט די חלה. דאס האב איך און נאך אנדערע אליין געזען, ער איז ממש אריין מיט דער האנט אין אויוון.

מ'זאגט אז ביי הבדלה פלעגט ער אריינלייגן די האנט אין פייער.

## הרה"ק רבי שלמה קארלינער זצ"ל
## כ"ב תמוז

זיי רופן אים דער **קדוש**, ווייל ער איז אומגעקומען על קידוש ה'. ער איז נאך געווען ביים **גרויסן מגיד**, אבער א תלמיד מובהק איז ער געווען פון **הרה"ק רבי אהרן הגדול זצ"ל** פון קארלין וואס האט אמאל געזאגט פארן גרויסן מגיד: "איך האב ביי מיר אין קארלין א יונגערמאן וואס יום הקדוש ביינאכט, נאך 'כל נדרי' ווען מ'זאגט תהלים, ווען ער קומט צום פסוק 'ה' אדונינו מה אדיר שמך בכל הארץ', לאזט ער נישט איבער אין ליטא, פוילן, און רייסין, קיין שום ניצוץ וואס ער איז נישט מעלה".

### מי ימלל גבורותו

**הרה"ק רבי מאטל סלאנימער ז"ל** האט אמאל נאכגעזאגט בשם דעם **רוזינער זצ"ל**: "איך פארגין מיך נישט צו רעדן פון רבי **שלמה קארלינער**, נאר איין מאל אין וואך, מיטוואך".

## ווייל נישט איבערנעמען די הנהגה

נאכן הסתלקות פון רבי אהרן הגדול האט רבי שלמה קארלינער נישט געוואלט איבערנעמען דאס רבי'סטעווע. ער איז געווען א געוואלדיגער ענוותן און שפל ברך, ער האט נישט געהאלטן אז ער קען פירן. אזויווי מ'האט אים זייער געמוטשעט, האט ער זיך מיישב געווען צו פארן צו איינעם פון די צדיקי הדור וועלכער רעדט אפן רוח הקודש. **הרה"ק רבי מיכל'ע זלאטשובער זצ"ל** האט גע'שמ'ט מיטן זאגן אפן פאר יעדן וואס ער איז. האט ער זיך מיישב געווען אז ער וועט פארן צו ר"ר מיכל'ע, און ער וועט זיכער זאגן וואס ער איז, און ער האט מיטגענומען א חשוב'ן חסיד, וואס איז אויך געווען זיין פעטער, **רבי מאנעלע**, וואס איז נאך געווען ביים גרויסן מגיד, און ביי רבי אהרן הגדול.

דאס מיטנעמען רבי מאנעלע איז געווען צוליב צוויי טעמים, איינס, ווייל ער האט פארשטאנען אז רבי מיכל'ע וועט זיכער זאגן אז עס פאסט נישט ער זאל פירן, וועט כאטש זיין איין עדות וואס וועט אויך האבן געהערט פון רבי מיכל'ע אז ער זאל נישט פירן. נאך א טעם, טאמער וועט ער אים שטארק מבזה זיין, ער וועט מגלה זיין אלעס וואס ער טויג נישט חלילה, ער וועט אים אפשר צו שטארק דערנידערן, וועט רבי מאנעלע זיך אננעמען פאר אים. - די ביידע סברות האט רבי **יאשע שו"ב** געהערט פון זיין רבי'ן, **רבי משה קאברינער זצ"ל**.

ווען ער איז אנגעקומען צו רבי מיכל'ע, האט ער אים זייער מקרב געווען. נאך שבת זענען די קינדער פון רבי מיכל'ע געקומען און געבעטן ער זאל בלייבן אויף נאך א שבת. האט ער געזאגט: "פרעגטס ענקער טאטן, אבער מיט איין תנאי, ענק זאלן מיר קומען זאגן דאס לשון וואס ער האט געזאגט". ווייל ער האט מורא געהאט אז פאר אים אין פנים זאגט ער טאקע נישט קיין שלעכטס, אבער אפשר פאר זיי וועט ער יא זאגן דעם אמת.

זענען זיי אריין צום פאטער רבי מיכל'ע פרעגן, האט ער געענטפערט: "א איד וואס אויף אים שטייען עולמות, און אזויפיל אידישע נשמותווארטן אויף אים, זאל איך א דעה זאגן אין זיינע שבתים?!"

זענען זיי צוריקגעקומען און דערציילט וואס זייער טאטע האט געזאגט, איז ער שנעל אריינגעלאפן צו רבי מיכל'ע און געפרעגט: "וואס האט איר צו מיר?" [ווי איינער זאגט, וואס ווילט איר פון מיר] "דא איז שוין אויך נישט דא קיין אמת?".

האט רבי מיכל'ע געענטפערט: "מיין ליבער רבי שלמה, איר ווילט זיצן אין א קליין שטיבעלע און אליין דינען דעם אויבערשטן?! עס איז אלעס כדאי אזוי ווייט אפילו צו גיין אין בלאטע" ער האט געוויזן אויף זיך "ביז צום האלז, אזוי ווייט, און נאך ווייטער, אבי ארויסצונעמען איין אידישע נשמה פון בלאטע, פארט אהיים, און נעמט ארויס אידישע נשמות פון בלאטע". אזוי האט רבי יאשע געהערט פון זיין רבי'ן, רבי משה קאברינער.

## ער איז משלים די תפילות פון כלל ישראל

שטייט אין **שמע שלמה**, אז עס איז אמאל געווען א קטרוג אין הימל אז אידן דאווענען נישט ווי עס דארף צו זיין, מ'איז מזלזל אין תפילה און מ'דאווענט נישט מיט כוונה, און תפילה איז דאך פון די דברים העומדים ברומו של עולם, און די מקטרגים האבן געוואלט מ'זאל ח"ו אוועקנעמען תפילה פון אידן. עס איז געווארן א גרויסער רעש אין הימל. האט מען געפרעגט די צדיקים אויף יענער וועלט, און זיי האבן מסכים געווען צו דער גזירה.

רבי שלמה קארלינער האט מרעיש עולמות געווען, און ער האט געזאגט: **'ואני תפילה'** - איך נעם אויף מיר אז איך וועל מתפלל זיין פאר כלל ישראל'ס וועגן. און די גזירה איז בטל געווארן.

ער פלעגט דאווענען מיט קולות וברקים, און אזוי איז עס שוין געבליבן אין קארלין אז דאס דאווענען גייט צו מיט א ברען און קולות.

## איך בין דען אן עבד ה'?

אויך שטייט אין **כתבי קודש**, אז רבי שלמה קארלינער האט עטליכע יאר ביים דאווענען נישט געזאגט **'אנא עבדא דקודשא בריך היא'** [איך בין אן עבד פונעם אויבערשטן]. ווייל, "צו דען קען איך זאגן אז איך בין אן עבד פונעם אויבערשטן?" נאר ער האט געזאגט: "אנא בעי למיהוי עבדא קמא קודשא בריך היא". ער האט אזוי געזאגט אפאר יאר ביז 'דער אויבערשטער האט געהאלפן צו זאגן עבדי קודשא בריך היא...'

## רייניגט דאס הארץ

עס שטייט אין **דברי שלום** פונעם **קודינובער**, פרשת שמיני, אז עס איז געווען א איד וואס פלעגט האבן שווערע הרהורי ע"ז רח"ל, איז ער געגאנגען צו איינעם פון די גדולים פון יענעם דור פרעגן וואס ער קען טון. האט ער אים געזאגט: "איך קען דיך נישט העלפן, דו דארפסט גיין צו רבי שלמה קארלינער".

איז דער איד געגאנגען צו רבי שלמה קארלינער, עס איז געווען חנוכה בשעת ער האט געצונדן די חנוכה ליכט, און ער האט געזאגט די מזמורים אזויווי דער מנהג איז. ווען ער איז אנגעקומען צום פסוק **ויפרקנו מצרינו כי לעולם חסדו**, האט ער אים געגעבן א קלאפ אויף דער פלייצע און געפרעגט: "דו גלייבסט אז דער אויבערשטער קען דיך אויסלייזן פון אלע מצרים און עגמת נפש?" דער איד איז געהאלפן געווארן און אלע שלעכטע מחשבות זענען אוועקגעגאנגען פון אים.

*

דער **רבי זאל זיין געזונט** האט שוין עטליכע מאל נאכגעזאגט פון רבי **שלמה קארלינער**, אז 'די גרעסטע עבירה איז אז מ'פארגעסט אז מען איז א בן מלך'.

## זיינע צוויי קווען

זיי ברענגען אז רבי **שלמה קארלינער** האט געזאגט אז ער האט אויסגעלעבט די יארן מיט צוויי 'קו'ען, **'כי' בו ישמח לבינו**, און **'כי' בשם קדשו בטחנו**.

אויך ברענגען זיי - אין איין פלאץ שטייט אז דער **קאלובער** האט דאס געזאגט, אין א צווייטן פלאץ שטייט אז דער קאוולער רב האט דאס געזאגט: - מיר זענען נישט בכח צו לעבן אזוי מיט די צוויי 'קו'ען, זיי זענען ביי אונז צו פעט [דאס מיינט אז ביי אונז איז צו שווער צו לעבן אזוי], מיר האבן אבער אנדערע צוויי קווען, **חסדי ה' 'כי' לא תמנו 'כי' לא כלו רחמיו.**

## מסירת נפש ביים דאווענען

עס שטייט אין **בית אהרן**, פרשת אמור, אז אמאל האט א בעל הבית געבעטן פון **הרה"ק רבי שלמה קארלינער זצ"ל** ער זאל קומען צו אים אין שטוב קומענדיגע טאג, האט ער אים געענטפערט: "שוטה, איך דארף נאך היינט דאווענען מעריב און ליינען קריאת שמע, און קריאת שמע איז דאך מסירת נפש, מ'איז זיך מוסר נפש פארן אויבערשטן ביי קריאת שמע, נאכדעם דארף מען שלאפן, וואס איז אויך מסירת נפש, און מארגן גייט מען דאווענען, וואס ביים

דאווענען זענען פאראן כמה עולמות ביז מען קומט אן צו קריאת שמע, און נפילת אפים איז ווייטער מיט מסירת נפש, און אפשר וועט דער אויבערשטער העלפן און ממלא זיין מיין רצון, אז איך זאל מיך קענען מוסר נפש זיין פאר זיינעט וועגן, און דו ווילסט נאך איך זאל דיר מבטיח זיין אויף מארגן אז איך וועל קומען צו דיר? וויאזוי ווייס איך וואס וועט זיין מארגן?!"

## אמונת צדיקים, היכי דמי?

עס שטייט אין **כתבי קודש** א שטארקע יסוד אין אמונת צדיקים, אז רבי **שלמה קארלינער** האט געזאגט אויף זיינס א חסיד וואס האט געהייסן **ר' הערש**: "ער וועט קיינמאל נישט אראפפאלן פון זיין אמונת צדיקים, ווייל אנדערע חסידים זוכן די גרויסע מדריגות פונעם רבי'ן, צי דער רבי איז אזוי גרויס צי אזוי גרויס, ממילא פאלט מען פון דער אמונה, מה שאין כן דער ר' הערש, ער האט אפגעמאכט ביי זיך אין הארץ אז דער רבי איז שענער פון מיר, ממילא קען איך מקבל זיין פון אים א טובה, אלץ איז ער העכער פון מיר און אלץ קען איך האבן א טובה פון אים, ממילא פון דער אמונה וועט ער קיינמאל נישט פאלן".

## שרעקט זיך נישט פאר רשעים

נאך ווערט געברענגט אין **כתבי קודש**, אז רבי שלמה קארלינער איז אמאל געפארן אויפן וועג, ער איז אנגעקומען צו איינעם אין שטוב, ער האט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש, און געהייסן מ'זאל אים ברענגען שטארקע מעיד, א סארט געטראנק. מ'האט אנגעפאנגען גרייטן, אינצווישן זענען אריינגעקומען צוויי גענעראלן פון די מיליטער, וואס זיי זענען געווען אויפן וועג צו א מלחמה, און זיי האבן אים געהייסן ער זאל זיך אויפשטעלן פאר זיי, ווייל זיי ווילן זיך זעצן אויף דעם פלאץ. - אדער איז דא אן אנדערע נוסח, אז ער האט נישט אראפגענומען זיין הוט פאר זייער כבוד וועגן. עכ"פ, ער האט זיך נישט גערירט פון פלאץ, ער האט זיך נישט וויסנדיג געמאכט פון זיי, נאר געפרעגט דעם בעל הבית: "די מעיד איז שוין פארטיג?"

זיי זענען געווארן אויפגערעגט, און זיי האבן גענומען זייערע שווערדן און געשטעלט ביי די זייטן פון רבי שלמה קארלינער'ס האלז, עס האט געפעלט א האר זיי זאלן אים חלילה אומברענגען. אבער ער איז בכלל נישט נתפעל געווארן דערפון, נאר ער האט ווייטער געפרעגט 'די מעיד איז פארטיג?'. האבן זיי געזאגט דער מענטש איז נישט נארמאל. זיי האבן אים אפגעלאזט, און אוועקגעגאנגען פון דארט.

האט רבי שלמה קארלינער געזאגט: "רבונו של עולם, גלוי וידוע לפניך אז איך האב פאר קיינעם ניט קיין מורא, ניט פאר קיין חנית, ניט פאר קיין חרב, און אפילו ניט פאר קיין חץ פתאום, א פלוצימדיגער פייל, האב איך אויך ניט מורא, נאר פארן יצר הרע האב איך מורא, ווייל איך בין א מענטש און ער איז א מלאך, איך דארף עסן און ער דארף ניט עסן, מיר ווערט די קאפ שטאַף, און אים ווערט די קאפ ניט שטאַף, ממילא האב איך מורא פאר אים".

דער **לעכאוויטשער זצ"ל** האט געזאגט אז ער איז דארט געווען בשעת מעשה, דער לעכאוויטשער איז געווען זיינער א תלמיד, און ער איז ווייס געווארן פאר שרעק, און אגאנץ לעבן איז ער געבליבן בלאס פאר פחד.

## די קדושה אין זיין געלעגער

רבי **שלמה קארלינער** האט מקפיד געווען אז קיינער זאל נישט זיצן אויף זיין בעט [עס שטייט אין **זוהר הקדוש** גרויסע זאכן אויף א בעט פון צדיקים]. און איינמאל א מענטש האט זיך אוועקגעזעצט דערויף, האט ער געקויפט א נייעם בעט.

איינמאל האט זיך איינער אוועקגעזעצט אויף זיין בעט, האט זיך רבי שלמה קארלינער אנגערופן: "דו האסט געמאכט ***חבר לאפ*** מיטן יצר הרע, איך נישט, איז וואספארא שייכות האסטו מיט מיר?"

אמאל איז ער געווען אין רייסין, און פרייטאג פלעגט מען אריינגיסן קאכעדיגע וואסער אין די מקוה, און ביז שבת צופרי איז דאס וואסער געבליבן ווארעם [עס איז נישט געווען אזוויי היינט]. איז געווען דארט א חסיד, וואס איז אראפגעגאנגען אונטן זען צי דאס וואסער איז שוין גענוג ווארעם.

אויבן איז געשטאנען דער בעדער, און ער האט נישט געוואוסט אז איינער איז אונטן, האט ער אריינגעגאסן דאס קאכעדיגע וואסער אויף דעם איד וואס איז געשטאנען דארט אונטן, ער איז געווארן זייער אפגעבריט דערפון, זיין הויט איז געווארן אפגעשיילט. האט מען אים איינגעוויקלט און געפירט צו זיין שווער, וואס האט דארט געוואוינט.

דער שווער פון דעם אפגעבריטן חסיד איז געווען א מתנגד, האט ער נישט געוואלט אריינלאזן דעם איידעם צו זיך אין שטוב, ער האט געזאגט: "פירט אים צו זיין רבי'ן, זאל ער אים אויסהיילן". האט מען אים גענומען אין בית המדרש.

ווען רבי שלמה קארלינער איז אריינגעקומען צו מנחה פרייטאג צונאכטס, האט מען אים צוגעפירט ער זאל זען וואס עס האט פאסירט, און מען האט אים דערציילט וואס דא איז געשען.

און הגם ווי דערמאנט פריער פלעגט ער געווענליך מקפיד זיין דערויף, האט ער יעצט געהייסן אז מען זאל אים לייגן אין זיין אייגענע בעט.

ווען רבי שלמה קארלינער האט געזאגט 'הודו', און איז אנגעקומען צום פסוק **'ישלח דברו וירפאם'**, האט דער חסיד געשפירט אז די יסורים זענען אוועקגעגאנגען. און יעדע מינוט וואס איז דורך האט ער געשפירט אז עס וואקסט אים צוריק פרישע הויט, אזוי איז ער געזונט געווארן.

ווען רבי שלמה קארלינער איז אנגעקומען צו 'רפאינו' און געענדיגט **'רופא חולי עמו ישראל'**, איז דער יונגערמאן שוין געווען געהעריג, זיין הויט און פלייש איז געווען ווי א ניי געבוירן קינד. און סוף קבלת שבת האט זיך שוין דער חסיד אויפגעשטעלט פון בעט געזונט כאחד האדם.

## זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל

להערות והארות יפנו להמספר הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א 845-274-1658 עריכה והגהה ע"י הרב יששכר יואל אונגער הי"ו 845-596-8865
צו באקומען די גליון MlavaMalka@gmail.com